אייביקע לעבן, אַז זיי זאָלן דיך קענען, דעם איינציק
אמתן גאָט, און ישוע המשיחן, וועמען דו האָסט
4 געשיקט. איך האָב דיך פֿאַרהערלעכט אויף דער
ערד, איך האָב פֿאַרענדיקט דאָס ווערק, וואָס דו
5 האָסט מיר געגעבן צו טון. און איצט, פֿאָטער,
פֿאַרהערלעך דו מיך, מיט דער הערלעכקייט, וואָס
איך האָב געהאַט ביי דיר, איידער די וועלט איז
6 (באַשאַפֿן) געוואָרן. איך האָב אַנטפּלעקט דיין
נאָמען צו די מענטשן, וועלכע דו האָסט מיר געגעבן
אויס דער וועלט; דיין זענען זיי געווען, און דו
האָסט זיי מיר געגעבן; און זיי האָבן געהאַלטן דיין
7 וואָרט. איצט ווייסן זיי, אַז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר
8 געגעבן, איז פֿון דיר; ווייל די ווערטער, וואָס דו
האָסט מיר געגעבן, האָב איך זיי געגעבן; און
זיי האָבן זיי אָנגענומען, און באמת דערקענט,
אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון דיר; און האָבן
9 געגלויבט, אַז דו האָסט מיך געשיקט. איך בעט
דיך פֿאַר זייערטוועגן; איך בעט נישט פֿאַר דער
וועלט, נאָר פֿאַר די, וועלכע דו האָסט מיר געגעבן,
10 ווייל זיי זענען דיין; און אַלץ, וואָס איז מיין, איז
דיין, און דיינס איז מיין; און איך בין פֿאַרהערלעכט
11 אין זיי. און איך בין מער נישט אין דער וועלט,
און זיי זענען אין דער וועלט, און איך קום צו דיר.
הייליקער פֿאָטער, באַהיט זיי אין דיין נאָמען, וואָס
דו האָסט מיר געגעבן, כדי זיי זאָלן זיין איינס,
12 אַזוי ווי מיר! בשעת איך בין געווען מיט זיי, האָב
איך זיי באַהיט אין דיין נאָמען, וועלכן דו האָסט
מיר געגעבן; און האָב געוואַכט (איבער זיי),
און קיינער פֿון זיי איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען,
אַחוץ דער בן האבדון (פֿאַרלוירענער זון), כדי דער
13 פסוק זאָל מקוים ווערן. איצט אָבער גיי איך צו